בס"ד

חקת - בלק תשפ"ו

גליון 288

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דא האט זיך גיטאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רייינער קוואל

## וָואס מֵיינְט בְּרֶעקֶעלֶעך?!

אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ זֶעט מֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ. בִּלְעָם הָאט מְקַנֵּא גֶעוֶוען דִי זַאמְד אוֹיף וָואס דִי אִידְן טְרֶעטְן וֶוען זֵיי גֵייעֶן אִין שׁוּל. עֶר הָאט אֲפִילוּ מְקַנֵּא גֶעוֶוען דִי קְלֵיינְטְשִׁיגֶע זַאמְד וָואס לִיגְט צְוִוישְׁן דִי קְרִיצְן פוּן דִי שִׁיךְ, אָט דִי בְּרֶעקֶעלֶעךְ הָאט בִּלְעָם פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז זֵייעֶר טַייעֶר, דָאס וָואס מִיר קֶערְן אוֹיס אוּן מֶען וַוארְפְט עֶס אַרַיין אִין מִיסְט, אִיז בִּלְעָם אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אַז בַּיי אִים אִין שְׁטוּב זָאל זַיין פוּל פוּן דִי שְׁטוֹיבּ, עֶר וָואלְט גֶעוָואלְט מִיט דִי בְּרֶעקֶעלֶעךְ אָנְפִילְן זַיינֶע גְלַאנְצִיגֶע מַארְמָארְשְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעלֶעגֶען מִיט אַ גַּאֲוָה אוֹיסְגֶעלֵייגְט קִינְצְלֶעךְ אוֹיף דֶער עֶרְד אִין זַיין פַּאלַאץ.

עֶר הָאט גֶעוואוּסְט וָואס ס'מֵיינְט בְּרֶעקֶעלֶעךְ. מִיר גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט אַלֶעמָאל דִי חֲשִׁיבוּת פוּן דִי קְלֵיינְטְשִׁיגֶע בְּרֶעקֶעלֶעךְ, עֶר הָאט אָבֶּער יָא גֶעוואוּסְט ווִי גֶעשְׁמַאק אוּן ווִי טַייעֶר דָאס אִיז.

"בִּלְעָם, בִּיסְט מְקַנֵּא דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן?!"

"יָא אִיךְ גֵיי אוֹיס פוּן קִנְאָה,"

"נָא בִּלְעָם, וָואס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם?! קֶענְסְט אַרַיינְגֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, נֶעם אַ סִדּוּר אוּן הֵייבּ אָן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אָדֶער גֵיי אִין פֶעלְד, עֶס לִיגְט דָארְט אוֹיסְגֶעלֵייגְט צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער בֶּענְקְלֶעךְ, זֶעץ זִיךְ אוֹיף אֵיינֶע פוּן זֵיי אוּן רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן אוֹיךְ דִיר בִּלְעָם. פַארְצֵייל דֶעם אֱמֶת וָואסְפַארַא פָּנִים דִי טְרָאגְסְט!

"דוּ חָכָם וָואס דוּ בִּיסְט! דוּ מֵיינְסְט אַז מַיין קָאפּ אַרְבֶּעט אַזוֹי ווִי דַיין אִידִישֶׁע קָאפּ?! אוֹיף דִיר אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן 'הֶן עָם לְבָדָד יִשְׁכֹּן', דוּ טְרַאכְסְט נָאר פוּן תַּכְלִית. דוּ בִּיסְט מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דוּ גֶעדֶענְקְסְט וֶועגְן עוֹלָם הַבָּא, דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנָיוֹת. דוּ אִינְגֶעלֶע בִּיסְט זִיךְ מְקַדֵּשׁ, דַיין קָאפּ אִיז פוּל מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן. דוּ וֵוייסְט וָואס ס'לִיגְט אִין מַיין קָאפּ?!"

"עֶס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערְסַאנְט וָואס ס'לִיגְט אִין דַיין קָאפּ!"

"אִיךְ זֶע אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעדְט. אַ גּוֹי גְלֵייבְּט בִּכְלַל נִישְׁט אַז עֶר טוּט עֶפֶּעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַזַא מִין זַאךְ אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט פוּן אִים אַ נַחַת רוּחַ, דָאס אִיז אַ גּוֹי. אַ אִיד גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ - דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

בַּיי עֶנְק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז דָא אַ מִשְׁנָה "מַה בֵּין תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ לְתַלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע," דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ע אִינְגֶעל דוּ לֶערְנְסְט זִיכֶער דִי מִשְׁנָה שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג אִין פִּרְקֵי אָבוֹת. דִי תַּלְמִידִים פוּן בִּלְעָם הָאבְּן אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג, גַּאֲוָה, א.א.וו. לִכְאוֹרָה זֶעעֶן דָאךְ אַלֶע דֶעם חִילּוּק פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ צוּ בִּלְעָמְ'ס תַּלְמִידִים, פַארְוָואס פְּרֶעגְט דִי מִשְׁנָה וָואס אִיז דֶער חִילּוּק?! יָא?! ס'אִיז אַ גוּטֶע קַשְׁיָא?!"

"יָא, אִיךְ זֶע דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ גוּט לֶערְנֶען! בִּיסְט אַ גוּטֶער חֶבְרָה-מַאן, קַשְׁיוֹת הָאסְטוּ גוּטֶע, לָאמִיךְ הֶערְן אוֹיבּ תֵּירוּצִים הָאסְטוּ אוֹיךְ!"

"דֶער תֵּירוּץ אִיז אַזוֹי, (גֶעבְּרֶענְגְט פוּן רֶבִּי נָתָן) מֶען דַארְף גוּט אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דֶעם: דִי גּוֹיִם גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען מַאכְן וָואס מֶען ווִיל, מֶען קֶען עֶסְן דָבָר אַחֵר, מֶען קֶען טוּן אוּמְרֵיינֶע זַאכְן, עֲבֵירוֹת, אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען טוּן וָואס דִי הָארְץ בַּאגֶערְט.

נתנדב לעילוי נשמת ר' משה בן ר' ירוחם שמחה לייב, לזכות שנזכה בקרוב להוציא לאור ספרו הק' פניני נצח, שו"ת על ליקוטי מוהר"ן

נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר דִי גוֹיִם זָאגְן רח"ל אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט דָא טוּן וָואס מֶען וִויל. אָבֶּער דִי תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם, "אוֹכְלִין בָּעוֹלָם הַזֶּה וְנוֹחֲלִין בָּעוֹלָם הַבָּא," זֵיי וַוייסְן אַז נָאר וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, נָאר וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר, נָאר אַזַא אֵיינֶער הָאט אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶער אַלְטֶער וֶועג מִיט דִי אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

אָבֶּער דִי תַּלְמִידִים פוּן בִּלְעָם זָאגְן זָאגְן: 'נֵיין! מֶען קֶען טוּן וָואס מֶען וִויל, ס'אִיז אַ הֶפְקֵר וֶועלְט, מֶען קֶען זִיךְ אָנְפְרֶעסְן מִיט אַלֶע דְּבָרִים אֲסוּרִים, מִיט אַלֶע תַּאֲווֹת פוּן דֶער וֶועלְט,' אָבֶּער אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעפָּארְשְׁט אוּן גֶעזוּכְט, וָואס אִיז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס רָצוֹן. אוּן נִישְׁט נָאר אַבְרָהָם אָבִינוּ, נָאר עֶס אִיז דָא אַ פָּסוּק אִין תְּהִלִּים וָואס מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוְונֶען, 'דִּרְשׁוּ ה' וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד', - דִּרְשׁוּ מֵיינְט פָּארְשְׁן, 'ה' וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו' - מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג זוּכְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס רָצוֹן, אֲפִילוּ הַיינְט וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין דָא תּוֹרָה וּמִצְווֹת, מִיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִיט אַזוֹיפִיל סְפָרִים פוּן צַדִּיקִים, דַארְף מֶען נָאךְ אַלְץ זוּכְן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ אוּן וָואס אִיז מַיין עֲבוֹדָה.

בִּלְעָם הָאט אִין דֶעם נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ טָמֵא'נִיאַק, בַּיי אִים אִיז דִי וֶועלְט הֶפְקֵר, עֶר הָאלְט נִישְׁט בַּיי גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אַלְס יוּנְגַאטְשׁ פוּן דְרַיי אוּן דְרֵייסִיג יָאר, אוּן בַּאקוּמֶען אַזַא מִיתָה מְשֻׁנָּה, אִין צַייט וֶוען עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּקוּמֶען נָאנְט צוּ דִי מַדְרֵגוֹת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ! אָבֶּער וָואס? אַ גוֹי וִויל נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נַחַת רוּחַ פוּן אִים, עֶר וִויל נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז זַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת הָאבְּן אַ וֶוערְד.

אָבֶּער לְהַבְדִּיל מִיר, אִידִישֶׁע קִינְדֶער, פָאלְגְן דִי צַדִּיקִים אַז אַבִּיסְל, אַ מַשֶּׁהוּ, אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, אֲפִילוּ אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַבְרָהָם אָבִינוּ אָבֶּער אִיךְ ווֵייס וִוי חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע מִצְוָה'לֶע אִיז בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גְלֵייב בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אִין יֶעדֶע בְּרֶעקְל טוֹב, מַיין בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז זֵייעֶר טַייעֶר. ווַייל "מִי מָנָה עֲפַר יַעֲקֹב," דִי שְׁטוֹיבּ אוֹיף וָואס מִיר טְרֶעטְן וֶוען מִיר גֵייעֶן אִין שׁוּל, דִי קְלֵיינֶע פְּסִיעוֹת אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב.

אַשְׁרֵינוּ, וואוּיל אִיז פַאר אוּנְז אַז מִיר זֶעעֶן פוּן בִּלְעָמ'ס מוֹיל וִוי טַייעֶר אוּן חָשׁוּב אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד, וִוי טַייעֶר אִיז אַ אִינְגְל וָואס מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, וִוי שְׁטַארְק אִיז דִי אַהֲבָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער צוּ אוּנְז, ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ, זָאגְט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ: "אֲפִילוּ מַכְעִיסִין וּמַמְרִים לְפָנָיו אֵינוֹ זָז מִתּוֹכָן – אֲפִילוּ אוֹיבּ דִי אִידְן דֶערְצֶערְנֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, רִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן זֵיי!"

אִין תּוֹרָה י"ז חֵלֶק שֵׁנִי בְּרֶענְגְט אוֹיף דֶער רֶבִּי: "דֶער וֶועג פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז נָאר צוּ קוּקְן אוֹיף אוּנְזֶער גוּטְס, אֲפִילוּ אוֹיבּ אִין דֶעם אִיז פַארְהַאן עֶפֶּעס וָואס אִיז נִישְׁט גוּט, קוּקְט עֶר נִישְׁט דֶערוֹיף." וֶוער הָאט גֶעזָאגְט דִי אַלֶע זַאכְן?! דַוְקָא דֶער רָשָׁע בִּלְעָם, עֶר הָאט גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אִין דִי אַלֶע זַאכְן

הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאל קֶענֶען וֶוערְן מֶער נִכְלָל אִין דִי אֱמֶת'ע צַדִּיקִים וָואס נָאר בְּכֹחָם קֶענֶען מִיר אָנְקוּמֶען צוּ אוּנְזֶער תִּיקוּן אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וֶועט אוּנְז זַיין גוּט סַיי אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

(ניגון קל אדון ברסלב, שנעלע)

**לאמיר גיין שפאצירן צווישן די ביימעלעך**
**רעדן דארט צום בורא דער גרויסן מלך**
**אנטלויפן פון די קולות און רעש פון די גרויסע וועלט**
**וואס לויפן נאך די תאוות, כבוד און געלט**

**2 פזמון:**
**די גרויסע עצה פון התבודדות**
**א שיינע לעבן איז התבודדות**
**א נאנטקייט צום באשעפער מיט התבודדות**
**צופרידן מען איז מיט התבודדות**

**3 אוי, אוי**
**די גרויסע עצה**



דאס גיבט א פלייצע
אויף יעדע פלאג
וואס איך טראג
התבודדות יעדן טאג

3 אוי, אוי
סיי וועלכע פראבלעם
בעטן זאלסטו אים
אן קיין צאל
איבעראל
ער פארלאזט דיר נישט קיינמאל
פזמון:

1 א בן מלך איז געפארן צו א לענדל ווייט
לערנען דארט חכמות אין א קורצע צייט
געקומען צוריק מיט גרויסע וויסנשאפט
אויסגערופן אויסגעשפיצט מיט גרויס קלוגשאפט

2 פארט ער אהיים צום פאטער אין פאלאץ
ווי גרויס איז די שמחה ס'האט נישט קיין שאץ
דער מלך וועט צייגן פאר זיינע לייט
די שארפטקייט פון זיין קינד ווי לאנג און ווי ברייט

3 אוי איי, מיין טייער קינד
אין חצר לאמיר גיין, דו זעסט דעם גרויסן שטיין
הייב אים אויף, שנעל ארויף, אין מיין פאלאץ געשווינד

3 אוי, איי, טאטע קרוין
איז דאס דען מעגליך, ס'איז אומדערטרעגליך
פעלזן שטארק, ווי א בארג
איך קען דאס נישט טון שוין

3 אוי אוי, אוי אוי אוי
אזא שווערע יאך, מיט מיטלען נאך און נאך
וואו איך שלעפ פון דא און דארט, עס רירט זיך נישט
פון ארט

2 מִיט א הַאמֶערְל, גֶעבּ מיין קינד אַ קְנַאק
שְׁטִיקְל שְׁטִיקְל, הַאק נאך הַאק
דאס איז דער סוד פון מיין פארלאנג
א שטיינדל נאך א שטיין דאס איז דער גאנג

2 אזא באפעל קומט נישט אין באטראכט
קיינמאל וועל איך בעטן אזא שווערע זאך
צו שלעפן שטיינער ברייט און הויך
איך טו אפמעסטן דיין שטארקייט און כח

1 אויב דו ווילסט אין לעבן זיין מצליח
זיין דערהויבן מיט א פרישן רוח
א דיבור, א ווארט א קליינע קרעבטס ארויס
דאס איז ביים באשעפער טייער און גרויס
2 פזמון:

# פלאמען אויפן קאלטן אייז

פארזעצונג פון זייט 7

ווען מען האט צוגעטיילט צו ארבעטן שווערע ארבעט.

ווען עס איז געקומען די רייע אויף ר' מעכיל האט ער געזאגט אז ער קען מאכן גלאז פאפיר. ער האט עס געזאגט אין א טאן פון זיכערקייט ווי גלייך ער האט שוין יארן ערפארונג אין דעם פאך. די רוסישע אינסטאנטן זענען געווארן מלא שמחה פון דעם פעטן פישל וואס זיי האבן דא אריינגעכאפט אין זייער באזיץ. "וועלכע מאטריאלן דארפסטו האבן צו פאבריצירן די גאלז פאפיר?. דא אין ווייטן סיביר איז נישט דא קיין אויסוואל פון רוי מאטריאל."

גארנישט עקסטער," האט זיי ר' מעכיל בארואיגט. "מען ברויך נאר גלאז, פאפיר און קלעפ."

זייער גוט," איז מען געווארן אויפגעהייטערט אין אפיס, "גלאז איז דא גענוג און נאך פון די ליידיגע וואטקע פלעשער וואס די פויערן זויפן אויס. העלצער פאר פאפיר האבן מיר מער ווי סיי וועלכע פלאץ, פון די פילע וועלדער מיט וואס מיר זענען ארומגענומען, און קלעפ האבן מיר פון די פעטנס פון די פערדן. אלזא, זענען מיר שוין געהאלפענע!" האבן זיי טריאמפירט. מען האט אויפגעשטעלט א פעקטערי וואס האט פארבריצירט די גאלז פאפיר און ר' מעכיל האט באקומען דעם חשוב'ן פאסטן פון אויפזעהער. דער אויבערשטער האט באגלייט ר' מעכיל און ער האט געהאט אן עקסטער השגחה און סייעתא דשמיא. די פעקטערי האט ארויסגעגעבן גוטע סחורה פון וואס די רוסן זענען געווען העכסט צופרידן.




## די פטירה פון רבינ'ס טאכטער

דער רבי האט געהאט א קליין טאכטער וואס האט געהייסן ווי זיין מאמע הרבנית הצדיקת ובעלת רוח הקודש מרת פייגא ע"ה. דאס קינד איז נישט אויפגעצויגן געווארן ביים רבי'ן אין שטוב, נאר ביי אן ערציערן אין די דערנעבנדיגן שטאט לאדיזין. דאס מיידל איז לא־עלינו נפטר געווארן אנהייב זומער תקס"ד. פאר'ן רבי'ן האט מען אבער גארנישט דערציילט דערפון.

דעם רבי'נס סדר איז געווען אז שבת נחמו פלעגט ער באזוכן זיינע חסידים אין דעם שטאט טשערין און דארט זאגן תורה ביי סעודה שלישית. דאס יאר שבת נחמו, האט דער רבי געזאגט די תורה אין ליקוטי מהר"ן סימן כ"א. למעשה האט שוין דער רבי פון פריער מגלה געווען עטליכע חלקים פון די תורה, און אצינד האט ער געזאגט די גאנצע תורה אויפאמאל.

נאך שבת האט דער רבי זיך צוריקגעקערט קיין ברסלב. אנקומענדיג אין שטוב, זענען דארט געווען פארזאמלט זיינע חסידים פון נעמירוב וועלכע זענען געקומען מקבל פנים זיין דעם רבי'ן. דער רבי האט זיך נאכגעפרעגט אויף זיין טאכטער פייגא אבער מען האט אים גארנישט דערציילט איבער איר פטירה. און אמת'ן האט מען שוין אונטערוועגנס דערקענט אויפ'ן רבי'ן אז ער ווייסט דערפון.

דער רבי האט תיכף אנגעהויבן צו זאגן תורה, וואס איז געווען א המשך פון די תורה פון שבת נחמו. דער רבי האט דארט דערמאנט דער ענין פון די זיבן טעג וואס מען דארף זיצן אבילות ווען א קרוב ווערט לא עלינו נפטר. פון דעם האבן די חסידים פארשטאנען אז דער רבי ווייסט ברוח הקודש אז זיין טאכטער פייגא איז נפטר געווארן. דער רבי האט זיך נישט געזעצט שבעה, ווי ער האט שפעטער אין א געלעגנהייט ערקלערט אז אפילו מען ווייסט ברוח הקודש אז א קרוב איז נפטר געווארן, איז מען פטור פון זיצן שבעה, ווייל א חיוב איז נאר ווען מען הערט בפירוש פון א צווייטן.

בשעת דעם שמועס איז רבי נתן נישט געווען דערביי, נאר האט צוריקגעהערט פון די חברים, וועלכע האבן אים געגעבן אן אויספירליכע

באריכט וואס עס איז פארגעגאנגען ווען דער רבי האט זיך צוריקגעקערט פון טשערין און די רמזים וואס ער האט געלאזט פאלן איבער די פטירה פון זיין טאכטער.

אין חודש אלול איז רבי נתן געקומען צום רבי'ן. ווען ער איז אריינגעקומען אל הקודש פנימה, האט ער געפונען דעם רבי'ן זיצן מיט א געוואלדיגע ערנסטקייט, ווי ער וואלט קענטיג געשפירט ווייטאגליכע געפילן.

תיכף האט דער רבי אנגעהויבן צו רעדן א המשך צו די פריערדיגע תורה: "ביי א צדיק איז נישטא קיין חילוק צווישן לעבן און טויט, ווייל אפילו נאך וואס ער גייט אוועק פון דער וועלט לעבט ער ווייטער. נאר בשעת מ'לעבט איז מען דא און בשעת מ'לעבט נישט איז מען דארט." דערביי האט דער רבי געוויזן מיט'ן פינגער אויפ'ן זייט פונעם בית החיים.

*

אצינד, שליסן מיר דאס יאר תקס"ד – די צווייטע יאר פון רבי נתנ'ס התקרבות. פאלגנד איז א באריכט וואס עס איז פארגאנגען אין דעם יאר:

* יאר תקס"ד איז געווען א שווערע יאר פאר די רוסישע אידנטום אונזער די צארישע הערשאפט.

* אנהייב חודש כסלו איז רבי נתן ל"ע פאר'אבל'ט געווארן נאך זיין מאמע. דער חשוב'ער תלמיד פון רבי'ן רבי יצחק אייזיק טראוויצער ווערט ליידער נסתלק.

דער רבי איז מדריך רבי נתן צו דורכלערנען און זיין בקי אין ארבע חלקי שלחן ערוך און קונה זיין פיל קבלה, איידער ער שרייבט אראפ זיינע אייגענע חידושי תורה. קורץ נאך חנוכה, האט דער רבי אויסגעשטעלט א סדר פאר רבי נתן צו דורכלערנען יעדן טאג פינף בלעטער פון שלחן ערוך מיט מפרשים. ווען רבי נתן איז נישט מצליח צו אנקומען צו דעם אלעם, בארואיגט אים דער רבי.

יענעם ווינטער האט רבי נתן באקומען א מתנה פון רבי'ן וואס הייסט: "אביסל איז אויך גוט..." דער רבי וויל אז רבי נתן זאל אנהייבן צו לערנען קבלה. און אויב ער פארשטייט נישט זאל ער פארן ווייטער און מיט די צייט וועלן אים אלע קשיות פארענטפערט ווערן.

זומער תקס"ד האט דער רבי געליטן א שווערע אבידה ווען עס איז אים ליידער צוגענומען געווארן זיין טאכטער, פייגא אין א יונגן עלטער. פארן רבי'ן זאגט מען גארנישט אבער דער רבי לאזט פאלן רמזים אז ער ווייסט דערפון.






# פלאמען אויף קאלטן אייז

## קאפיטל 6

אין קורצן פון פריער:

*ר' מעכיל'ס טאטע איז אין א געפערליכע סכנה פון די קאמוניסטן. ער פארט קיין אומאן זיך אויסצוגיסן דאס הארץ ביים רבי'ן. זיין הארץ ציט אים צו בלייבן אין אומאן. גאנץ שנעל ווערט ער פאררעכנט צווישן די עובדים. הר"ר אברהם שטערנהארץ ז"ל, אייניקל פון רבי נתן, טראגט אים אן פאר זיין אייניקל. די חתונה ווערט געפראוועט אין גרויס ארימקייט אבער געוואלדיגע שמחה.*

אצינד ליינט ווייטער:

### דעם ביטערן חורבן

ר' מעכיל האט אויפגעשטעלט זיין בית נאמן ישראל אין אומאן און געהאפט צו מחנך זיין זיינע קינדער ווי זיין טאטע האט אים מחנך געווען צו תורה ומצוות, באגלייט מיט א פלאקערדיגע יראת שמים. דער איבערשטער האט אבער געהאט אנדערע פלענער פאר אים.

יאר תרח"ץ איז איינגעקריצט אין די אידישע היסטאריע מיט טינט פון בלוט און טרערן. יענעם יאר האבן זיך פארשטארקט די צרות ביי כלל ישראל ה"י. אין דייטשלאנד האט זיך אנגעהויבן די שווערע רדיפות פון די נאציס ימ"ש, און אין רוסלאנד האבן די קאמוניסטן געפייניגט און גע'הרג'ט די שענסטע און בעסטע ביי כלל ישראל הי"ד. דער אידנטום אין רוסלאנד זענען ליידער אריבער א ביטערן חורבן ווי בזמן הבית ווען בליענדע קהלות איבער גאנץ רוסלאנד זענען ליידער צעשטערט און בטל געווארן.

די חדרים און ישיבות זענען שוין פון לאנג געווען פארשפארט, אצינד האט מען זיך גענומען צו די שולן. איינע נאכ'ן צווייטן זענען פארשלאסן געווארן מיט שלאס און ריגל. דאס הארץ האט געבלוטיגט און געוויינט, ווען אזויפיל תשמישי קדושה זענען צעווארפן און געשענדעט געווארן ר"ל. די קלויז אין אומאן, איז געווען פון די לעצטע צו ווערן פארשפארט. אלע ספרי תורה פון איבער'ן שטאט, זענען געברענגט געווארן צום קלויז, ווען די אידן באגלייטן זייערע ספרי תורה מיט קלאג און געוויין.

די בלוטיגע רשעים האבן זיך נישט באגנוגנט מיט'ן חורבן, אצינד האבן זיי זיך גענומען זי די הייליגע אידן, בעלי מסירת נפש, וועלכע האבן זיך נישט געהאלטן ביים אונטערגעבן צו דעם שטן אליין.

שמועות זענען געקומען פון אלע זייטן, אז די קעי. דזי.בי. פאלן אן אויף אומשולדיגע בירגער און מען פארשיקט זיי צו ווייטע ערטער פון וואו זיי קומען מער נישט צוריק. אין בעסטן פאל באקומט מען א פעקל קליידער אויף פאסט - א סימן אז דער איד איז שוין אויפ'ן עולם האמת אין גן עדן.

פונקטליכע פרטים פון זייערע גרויליגע מעשים זענען נאך געווען היבש אומבאקאנט, אבער מען האט אזויפיל געוואוסט אז ס'דא פון וואס צו ציטערן. ווער עס איז צוריקגעקומען לעבעדיגערהייט, האט

געוואוסט צו דערציילן פון די ביטערע פייניגונגען וואס מען מאכט מיט אין די טונקעלע תפיסה צעלן אונזער די רשעות'דיגע קעי.דזי.בי. אגענטן.

פיל זענען פארשיקט געווארן אין סיביר אין די ביטערע פרעסטן, צו ארבעטן ביטער שווער אונזער ביטערע אומשטענדן פון הונגער און פיין.

אין אומאן, איז פארגעקומען א בהלה. ר' מעכיל איז פארשיקט געווארן קיין סיביר.

## אויפ'ן וועג צו אייז

ר' מעכיל איז געזעסן אויפ'ן באן פארזונקן אין זייע מחשבות. די אלטע פארקראכטע וואגאנען האבן זיך געוואקלט איבער די אויסגעריבענע שינעס, אויפשאקלנדיג זיינע אויסגעהונגערטע קושקעס. ער קוקט זיך ארום צווישן די אנדערע ארעסטאנטן און ס'ווערט אים שווארץ פאר די אויגן. מיט די נידעריגע עלעמענטן וועט ער דארפן פארברענגען זיינע טעג. ווער ווייסט ווילאנג? וואו פירט מען אים? וואס וועט ער טון דארט?

ער חלומ'ט פון זיין ווארימע היים פון וואו ער איז אזוי ברוטאל אוועקגעריסן געווארן. דאס געוויין זיינע קליינע טעכטערלעך, צעטרייסלען זייער אויערן.

די ענדלאזע רייזע נעמט גאר קיין עק. די באן האט זיך שוין געצויגן איבער טויזענטער קילאמעטער, צווישן וועלדער און בערג ווען מען ווייסט נישט ווען עס וועט נעמען א סוף. דאס ביסל צידה לדרך וואס ר' מעכיל האט נאך אנגעיאגט מיטצונעמען האט זיך שוין געענדיגט און קיין פרישע עסן טיילט מען נישט. אויב ברענגט מען אריין אביסל וואסער און א כזית ברויט, דארף ער צופרידן זיין. די הונגער פייניגט אים. די קעלטן פארפרירן זיינע ביינער.

'אוי, טאטעו!' רייסט זיך ארויס א ווי געשריי פון אים.



אבער ר' מעכיל איז א ברסלב'ער חסיד. ער ווערט נישט פארלוירן אויך אין אזעלכע ביטערע אומשטענדן. אויך אין דעם טונקעלן גלות ווייסט ער אז דער אויבערשטער איז מיט אים און באגלייט אים אויף טריט און שריט, א מויל פארמאגט ער און אלעמאל אין אלע סארטן אומשטענדן קען מען זיך אויסרעדן דאס הארץ צום באשעפער, דארף מען דאך פרייליך זיין.

אין איינע פון די לאנגוויילינגע טעג האט א רוסישער מיטרייזנדע אנגעקניפט א שמועס מיט ר' מעכיל. צווישן אנדערע האט ער מיטגעטיילט אז ער קען די פאך פון מאכן גלאז פאפיר (סענד פעיפער) וואס פלעגט זיין געמאכט פון צוריבענע גלאז, מען פלעגט עס נוצן צו גלאט מאכן מעבל און אנדערע האלצערנע געצייג.

פאר ר' מעכיל איז די זאך שטארק געפעלן און ער האט אויסגעפרעגט דעם רוס אלע איינצלהייטן דערפון. ר' מעכיל איז געווען א פיקח און האט געהאט א גוטע גמרא קאפ וואס האט אויפגעכאפט דעם גאנצן סוגי' דארט אויפ'ן פלאץ.

ווען דער באן איז ענדליך אנגעקומען צו זייער דעסטינאציע האט מען אלעמען אויסגעשטעלט אין רייען נאך איידער זיי האבן געהאט א געלעגנהייט זיך אפצורוען פונעם מאטערדיגן וועג, אויסציען די ביינער אדער עסן עפעס א רעכט שטיקל עסן צו דערווארעמען די געפרוירענע ביינער. פארגעסט נישט, זיי זענען דאך געווען געפערליכע 'פארברעכער' וועמען מען האט געדארפט באהאנדלען אוממענטשליך. מען האט יעדן אויסגעפרעגט אויב זיי האבן עפעס א פאך אין די הענט. רוב פון זיי זענען געווען פשוט'ע פויערן

פארזעצונג אויף זייט 3

# א מפלה פון גשמיות

זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר זִיךְ מְדַבֵּק צוּ זַיין אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער דוּרְךְ זַיין תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת. צוּם סוֹף וֶועט גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פוּן דִי גַאנְצֶע גַשְׁמִיּוּת; אַלֶעס וֶועט גֵיין לְאִיבּוּד!”

שָׁאוּל אִיז גֶעוֶוען שָׁאקִירְט: ”וָואס?! גָארְנִישְׁט וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן דֶעם?!” ”יָא, יָא,” הָאט דֶער אַלְטֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ רוּאִיגְקַייט, ”יֶעדֶער גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאךְ מִיט וָואס מִיר גֶעבְּן זִיךְ אָפּ, סְפֶּעצִיעֶל קִינְדִישֶׁע טְשַׁאטְשְׁקֶעס, בְּרֶענְגְט אוּנְז נִישְׁט צוּ קֵיין שׁוּם תַּכְלִית אָדֶער בַּאדַייט. אוֹיב מִיר

המשך פון די לעצטע זייט

ווילְן לֶעבְּן אַ רִיכְטִיגְן לֶעבְּן מִיט הַצְלָחָה, מוּזְן מִיר מַשְׁקִיעַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וָואס דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג.”

אַזוֹי לֶערְנֶען מִיר אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי רַייךְ: ”אִיר וֶועט הָאבְּן אַ מַפָּלָה פַארְ'ן גִיבּוֹר! עֶטְץ וֶועטְס אַלֶע פַארְטִילִיגְט וֶוערְן אוּן גֵיין לְאִיבּוּד, וַוייל דָאס גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע גֶעלְט וֶועט עֶנְק גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.” וַוייל דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ דַאוֶוענֶען.




# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

דֶערְוַוייל אִיז גֶעוָוארְן אִין 'שְׁטָאט' אַ 'רַעַשׁ': ”בְּאֶפְשָׁר אַז ס'גֶעפִינְט זִיךְ 'אֵיינֶער', וָואס עֶר רֶעדְט אַזוֹיְנְס, וָואס עֶר מַאכְט אַ 'גֶעלֶעכְטֶער' פוּן זֵייעֶר 'אֱמוּנָה' – אוּן עֶר זָאגְט: ”אַז ס'אִיז נָאר אַ 'יָחִיד' פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען], דְהַיְינוּ: 'הַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ בָּרוּךְ-הוּא' וְכוּ'”! – אוּן מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן] דֶעם 'גִבּוֹר', זָאגְט עֶר אַלְץ: ”אוֹיב סֶע [סְ'אִיז] נִישְׁט דֶער 'גִבּוֹר' וְכוּ', כַּנַ”ל”?! הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען: ”אַז דָאס מוּז בְּוַודַאי זַיין דֶער 'בַּעַל-תְּפִלָּה'! וָוארְן דֶער 'בַּעַל-תְּפִלָּה' אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי מְפוּרְסָם גֶעוֶוען, כַּנַ”ל.

הָאט מֶען גֶעהֵייסְן: ”אַז מֶען זָאל אִים זוּכְן, אוּן מֶען זָאל אִים כַאפְּן”! כָאטְשֶׁע עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ אַלֶעמָאל אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְן [בַּיי זֵיי] – (דְהַיְינוּ: אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ 'סוֹחֵר', אוּן אַמָאל פַאר אַ 'אָרִימַאן' וְכוּ' – וָואס מֵחֲמַת דֶעם הָאט מֶען אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט כַאפְּן, כַּנַ”ל. נָאר זֵיי הָאבְּן דֶערְפוּן אוֹיךְ גֶעוואוּסְט: ”אַז דֶער 'בַּעַל-תְּפִלָּה', פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אַלֶעמָאל אַנְדֶערְשׁ [בַּיי זֵיי]”!

הָאבְּן זֵיי גֶעהֵייסְן: ”נָאכְקְלֶערְן [נָאכְפָארְשְׁן] נָאךְ אִים, אוּן מֶען זָאל אִים כַאפְּן”! הָאט מֶען אִים נָאכְגֶעזוּכְט! בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים גֶעכַאפְּט (דְהַיְינוּ: דֶעם 'בַּעַל-תְּפִלָּה') אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבְּרַאכְט צוּ זֵייעֶרֶע 'עֶלְטְסְטֶע' [צוּ דִי 'שָׂרִים']! אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ שְׁמוּעֶסְן!

הָאט עֶר זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט כַּנַ”ל. ”אִיר זֶענְט אַלֶע אִין 'טָעוּת', אוּן אִין 'גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקַייט'! – אוּן דָאס אִיז גָאר קֵיין 'תַּכְלִית' נִישְׁט, דְהַיְינוּ: דָאס 'גֶעלְט' אִיז גָאר קֵיין 'תַּכְלִית' נִישְׁט! – נָאר סְ'אִיז אַ 'יָחִיד בָּרוּךְ-הוּא' פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען], דְהַיְינוּ: דֶער 'בּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ-שְׁמוֹ' וָואס עֶר הָאט אַלֶע בַּאשַׁאפְן – נָאר אִים בַּאדַארְף מֶען דִינֶען! – אוּן 'גֶעלְט' אִיז גָאר אַ 'נַארִישְׁקַייט' וְכוּ'!

און דִי [מֶענְטְשְׁן פוּן יֶענֶע] ׳מְדִינָה׳ וָואס אִיר זָאגְט, אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע ׳גָאטְן׳ – זֵיי וֶועלְן אַייךְ גָארְנִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן וְכוּ׳״! – וָוארְן זֵיי זֶענֶען ׳נָאר מֶענְטְשְׁן׳, און אִיר זֶענְט ׳נָאר מֶענְטְשְׁן׳ וְכוּ׳! (אַזוֹי הָאט זֵיי דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳ גֶעזָאגְט) הָאבְּן זֵיי אִים גֶעהַאלְטְן פַאר ׳מְשׁוּגָע׳!

וָוארְן דִי ׳גַאנְצֶע מְדִינָה׳ – זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי גֶעלִיגְן [פַארְזִינְקֶען] אִין דֶעם ׳גֶעלְט׳, און זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי דֶערִינֶען ׳פַארְנַארִישְׁט׳ גֶעוָוארְן – בִּיז דֶער וָואס עֶר הָאט אַקֶעגְן זֵייעֶרֶע [מֵיינוּנְגֶען און] ׳נַארִישְׁקַייט׳ עֶפֶּעס גֶערֶעדְט – אִיז דֶערְבַּיי [בַּיי] זֵיי גֶעוֶוען [פַארְרֶעכְנְט פַאר] ׳מְשׁוּגָע׳!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס אִיז דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אוֹיף דֶעם ׳גִבּוֹר׳: אוֹיבּ סֶע [סְ׳אִיז] נִישְׁט דֶער ׳גִבּוֹר׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]״?!

הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״בַּאֲשֶׁר [אַז] אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַ ׳מֶלֶךְ׳ – אִיז בַּיי דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן אַ ׳גִבּוֹר׳! – און אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער ׳גִבּוֹר׳, קֶען אִיךְ מִיךְ מִיט אִים!

און וַוייטֶער! דָאס וָואס אִיר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף ׳דֶער מְדִינָה׳, וָואס אִיר זָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע ׳גָאטְן׳ – דָאס אִיז אַ ׳נַארִישְׁקַייט׳! – וָוארְן זֵיי וֶועלְן אַייךְ גָארְנִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן! – אַדְרַבָּא, דָאס וֶועט נָאךְ זַיין אֵייעֶר ׳מַפָּלָה׳, אַז אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיף זֵיי פַארְלָאזְן״!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: ״פוּן וַואנֶען וֵוייסְטוּ דָאס״?! (אַז דִי ׳מְדִינָה׳ קֶען זֵיי נִישְׁט הֶעלְפְן, און [אַז] זֵיי וֶועלְן נָאךְ אַ ׳מַפָּלָה׳ הָאבְּן דוּרְכְדֶעם)! הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּאֲשֶׁר [וַוייל] בַּיי דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ וָואס עֶר אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען – הָאט עֶר גֶעהַאט אַ ׳יַד׳!

דְהַיְינוּ: דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט גֶעהַאט אַ זַאךְ, אַזוֹי־וִוי אַ ׳הַאנְט׳ מִיט ׳פִינֶעף פִינְגֶער׳! און מִיט אַלֶע ׳שִׂירְטוּטִין׳ (דְהַיְינוּ: אַלֶע ׳קְנֵייטְשְׁן׳ און אַלֶע ׳קְרִיצְן׳) וָואס אוֹיף אַ ׳הַאנְט׳ אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען]!

און דִי [דָאזִיגֶע] ׳יַד׳, אִיז גֶעוֶוען דֶער ׳לַאנְד־קַארְד׳ [מַאפֶּע] פוּן אַלֶע וֶועלְטְן! און גָאר וָואס סְ׳אִיז גֶעוֶוען זִינְט ׳הִימְל׳ און ׳עֶרְד׳ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, בִּיז אִין [דֶער] סוֹף – און וָואס סְ׳וֶועט זַיין דֶערְנָאךְ – אִיז אַלְץ אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] גֶעוֶוען אוֹיף דֶער [דָאזִיגֶער] ׳יַד׳!

וָוארְן סְ׳גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] אִין דִי ׳קְרִיצְן׳ און ׳קְנֵייטְשְׁן׳ פוּן דֶער ׳יַד׳: דָאס גֶעמֶעל [מָאלֶערֵיי] פוּן ׳אַלֶע וֶועלְטְן׳ – וִויאַזוֹי אִיטְלֶעכֶע וֶועלְט שְׁטֵייט, מִיט אַלֶע זַאכְן פוּן אִיטְלֶעכֶער וֶועלְט בִּפְרָטִיוּת! – אַלְץ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט [אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן] אוֹיף דֶער ׳יַד׳!

אַזוֹי־וִוי אוֹיף אַ ׳לַאנְד־קַארְד׳ [מַאפֶּע] אִיז אוֹיסְגֶעמָאלְט (אַזוֹי־וִוי סְ׳וֵוייסְן דִי וָואס זֵיי זֶענֶען גֶענִיט [בַּאקַאנְט] אִין דֶעם ׳לַאנְד־קַארְד׳ [מַאפֶּע] – דְהַיְינוּ: סְ׳אִיז אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] אוֹיף אַ ׳פַּאפִּיר׳, אִיטְלֶעכֶע ׳שְׁטָאט׳, און אִיטְלֶעכֶע ׳מְדִינָה׳, און אִיטְלֶעכְס ׳בְּרִיקְל׳, און אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכְן, ׳טַייכְלֶעךְ׳ און ׳וֶועלְדֶער׳ וְכוּ׳ – און בַּיי אִיטְלֶעכֶע זַאךְ, שְׁטֵייט אַלְץ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן: ״אַז דָאס אִיז דִי ׳שְׁטָאט׳, און דָאס אִיז דִי ׳מְדִינָה׳ וְכוּ׳״), אַזוֹי [אוֹיךְ] אִיז אוֹיף דֶער ׳יַד׳, גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] אַלֶע וֶועלְטְן, דוּרְךְ דִי ׳קְרִיצְן׳ און ׳קְנֵייטְשְׁן׳ פוּן דֶער ׳יַד׳! און אִין דִי ׳קְרִיצְן׳ פוּן דֶער ׳יַד׳, אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי־וִוי ׳אוֹתִיוֹת׳!

אַזוֹי־וִוי אוֹיף אַ ׳לַאנְד־קַארְד׳ שְׁטֵייעֶן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן ׳אוֹתִיוֹת׳ בַּיי אִיטְלֶעכֶער ׳זַאךְ׳, כְּדֵי מֶען זָאל וִויסְן וָואס דָאס אִיז, דְהַיְינוּ: מֶען זָאל וִויסְן אַז דָא אִיז ׳דִי שְׁטָאט׳, און דָא אִיז ׳דָאס טַייכְל׳, און אַזוֹי דֶעסְטְגְלַייכְן אַנְדֶערֶע זַאכְן! – אַזוֹי אִיז פוּנְקְט [דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ מַמָּשׁ] גֶעוֶוען אָנְגֶעצֵייכְנְט דוּרְךְ דִי ׳קְרִיצְן׳ פוּן דֶער

׳הַאנְט׳, אַזוֹי־וִוי ׳אוֹתִיוֹת׳! – וָואס דִי ׳אוֹתִיוֹת׳ זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִיטְלֶעכֶער זַאךְ וָואס סְ׳גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט אוֹיף דֶער ׳יַד׳ – כְּדֵי מֶען זָאל וִויסְן וָואס אִיטְלֶעכֶע זַאךְ אִיז, וָואס דָארְט אִיז אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן]!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] אִיטְלֶעכֶע ׳מְדִינָה׳ בַּאזוּנְדֶער, אוּן אִיטְלֶעכֶע ׳שְׁטָאט׳, אוּן אַלֶע ׳טַייכְן׳, אוּן ׳בְּרִיקְן׳ אוּן ׳בֶּערְג׳, אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן (וָואס סְ׳גֶעפִינְט זִיךְ אִין ׳דֶער וֶועלְט׳, אוּן אִין ׳אַלֶע וֶועלְטְן׳) – אִיז אַלְץ גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט אוֹיף דֶער ׳יַד׳, דוּרְךְ דִי ׳קְרִיצְן׳ אוּן ׳קְנֵייטְשְׁן׳ פוּן דֶער ׳יַד׳!

אוּן בַּיי אִיטְלֶעכֶער זַאךְ, אִיז אַלְץ גֶעשְׁטַאנֶען ׳אוֹתִיוֹת׳, אַז דָאס אִיז ׳דִי זַאךְ׳, אוּן דָאס אִיז ׳דִי זַאךְ׳ וְכוּ׳! אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] אַלֶע ׳מֶענְטְשְׁן׳ וָואס סְ׳גֵייעֶן אַרוּם אִין אִיטְלֶעכֶער ׳מְדִינָה׳, אוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע ׳מְאוֹרָעוֹת׳ (דְהַיְינוּ: אַלְץ וָואס אוֹיף אַ ׳מֶענְטְשְׁן׳ גֵייט אִיבֶּער וַוייל [וִוילַאנְג] עֶר לֶעבְּט) – אִיז אַלְץ גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט אוֹיף דֶער ׳הַאנְט׳! אוּן סְ׳אִיז דָארְט [אוֹיךְ] גֶעשְׁטַאנֶען אֲפִילוּ: ׳אַלֶע וֶועגְן׳ פוּן ׳אֵיין מְדִינָה׳ צוּ דֶער ׳אַנְדֶערֶער׳, אוּן פוּן ׳אֵיין אָרְט׳ צוּם ׳אַנְדֶערְן׳!

אוּן מַחֲמַת דֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט דֶעם ׳וֶועג׳, אַרַיינְצוּגֵיין אַהֶער אִין ׳שְׁטָאט׳ אַרַיין – וָואס קַיין ׳שׁוּם מֶענְטְשׁ׳ קֶען אַהֶער נִישְׁט קוּמֶען! – (וָוארְן דִי ׳מְדִינָה׳ פוּן גֶעלְט׳, הָאבְּן זִיךְ אַרוּמְגֶעגְרָאבְּן זֵייעֶרֶע ׳שְׁטֶעט׳ – אוּן קֵיינֶער הָאט צוּ זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען, כַּנַ״ל. אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] אַז אִיר וִוילְט מִיךְ שִׁיקְן אִין דֶער ׳אַנְדֶערֶער שְׁטָאט׳ אַרַיין – וֵוייס אִיךְ אוֹיךְ דֶעם ׳וֶועג׳! – אַלְץ דוּרְךְ דֶער ׳יַד׳!

אוּן אַזוֹי אִיז [אוֹיךְ] גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער ׳יַד׳: דֶער ׳וֶועג׳ פוּן ׳אֵיין וֶועלְט׳ צוּ דֶער ׳אַנְדֶערֶער וֶועלְט׳! וָוארְן סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן אַ ׳וֶועג׳, וָואס דוּרְךְ ׳דֶעם וֶועג׳ קֶען מֶען אַרוֹיפְגֵיין פוּן דֶער ׳עֶרְד׳ אוֹיף דֶעם ׳הִימְל׳! – (וָוארְן פוּן דֶער ׳עֶרְד׳ אוֹיף דֶעם ׳הִימְל׳, קֶען מֶען נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין, מַחֲמַת מְ׳וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם ׳וֶועג׳! – אוּן דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶער ׳וֶועג׳ וִוירִימֶער [וִויאַזוֹי] מֶען זָאל אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף דֶעם ׳הִימְל׳)!

אוּן סְ׳אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען: ׳אַלֶע וֶועגְן׳ וָואס סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן פוּן ׳אֵיין וֶועלְט׳ צוּ דֶער ׳אַנְדֶערֶער וֶועלְט׳! וָוארְן ׳אֵלִיָּהוּ׳ אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם ׳הִימְל׳, מִיט ׳דֶעם וֶועג׳! – אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען ׳דֶער וֶועג׳! ׳מֹשֶׁה־רַבֵּינוּ׳ אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם ׳הִימְל׳, מִיט אַ ׳אַנְדֶערְן וֶועג׳! – אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען ׳יֶענֶער וֶועג׳ אוֹיךְ! אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] ׳חֲנוֹךְ׳, אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם ׳הִימְל׳, נָאךְ מִיט אַ ׳אַנְדֶערְן וֶועג׳! – אִיז דָארְט ׳דֶער וֶועג׳ אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] פוּן ׳אֵיין וֶועלְט׳ צוּ דֶער ׳אַנְדֶערֶער׳ (וַוייטֶער הֶעכֶער) – אִיז אַלְץ גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער ׳הַאנְט׳ – דוּרְךְ דִי ׳קְרִיצְן׳ אוּן ׳קְנֵייטְשְׁן׳ פוּן דֶער ׳הַאנְט׳!  אוּן סְ׳אִיז [אוֹיךְ] גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער ׳יַד׳, אִיטְלֶעכֶע [יֶעדֶע] זַאךְ: וִויאַזוֹי סְ׳אִיז גֶעוֶוען בְּשַׁעַת דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן!

אוּן וִויאַזוֹי סְ׳אִיז הַיינְט! אוּן וִויאַזוֹי סְ׳וֶועט זַיין דֶערְנָאךְ! דְהַיְינוּ [לְמָשָׁל]: ׳סְדוֹם׳! אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן]: אַזוֹי־וִוי דִי ׳שְׁטָאט׳ אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, אֵיי [אֵיידֶער] זִי אִיז אִיבֶּערְגֶעקֶערְט גֶעוָוארְן! אוּן וִוידֶער אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן]: אַזוֹי־וִוי ׳סְדוֹם׳ קֶערְט זִיךְ אִיבֶּער, אַזוֹי־וִוי אַ ׳שְׁטָאט׳ קֶערְט זִיךְ אִיבֶּער! אוּן וִוידֶער אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיסְגֶעמָאלְט ׳סְדוֹם׳: וָואסֶער אַ [וָואסְפַאַרְא] פָּנִים סְ׳הָאט הַיינְט, נָאךְ דֶעם אִיבֶּערְקֶערְן זִיךְ!

וָוארְן אוֹיף דֶער ׳יַד׳ אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט: ״וָואס ׳סְ׳אִיז גֶעוֶוען׳! אוּן וָואס ׳סְ׳אִיז הַיינְט׳! אוּן וָואס ׳סְ׳וֶועט זַיין׳״! אוּן דָארְט אוֹיף דֶער ׳יַד׳ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן: ״אַז דִי ׳מְדִינָה׳ וָואס אִיר זָאגְט אוֹיף זֵיי, אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע ׳גָאטְן׳, מִיט דִי ׳אַלֶע מֶענְטְשְׁן׳ וָואס זֵיי וֶועלְן צוּ זֵיי קוּמֶען אוֹיף הִילְף (דְהַיְינוּ: אַז דִי ׳מְדִינָה׳ זָאל זֵיי הֶעלְפְן) – וֶועלְן זֵיי אַלֶע בֵּיידֶע, אַ ׳מַפָּלָה׳ הָאבְּן״!

אַזוֹי הָאט זֵיי אַלְץ דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳ דֶערְצֵיילְט!

שם: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעפטע מעשה - דער בעל תפילה (6)

**א. וואספארא עצה האבן זייערע סוחרים געגעבן פאר זיי?**
- ❑ אז זיי זאלן אנטלויפן
- ❑ אז זיי זאלן זיך מכניע זיין
- ❑ אז זיי זאלן שיקן שליחים צו די מדינה וואס אלע האבן אזויפיל געלד וואס לויט זייער שיטה זענען זיי אלע גאטין - אז זיי זאלן זיי העלפן

**ב. וואס האט דער שומר פון מדינה של עשירות געזאגט צום בעל תפלה ווען ער איז נאכאמאל געקומען צו זיי?**
- ❑ אז זיי האבן גארנישט מורא פונעם גבור
- ❑ אז זיי ווילן תשובה טוהן און פאר'מיעוס'ן געלד
- ❑ אז זיי האבן מורא פונעם גבור און זיי ווילן שיקן שליחים צו די מדינה וואס אלע זענען דארטן (לויט זייער שיטה) גאטין

**ג. וואס האט דער בעל תפלה געענטפערט?**
- ❑ ער האט אים זייער אויסגעלאכט און געזאגט אז ס'איז א גרויסע נארישקייט אז זיי זענען גאטין
- ❑ ער האט זייער געוויינט און גארנישט געזאגט
- ❑ ער האט זייער געקרעכצעט און איז אוועק געגאנגען

**ד. וואס נאך האט זיי דער בעל תפלה געזאגט?**
- ❑ עס איז נאר דא איין גאט אויף דער וועלט
- ❑ אז נאר דעם אייבערשטן דארף מען דינען און צו אים דארף מען דאווענען
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט דער שומר צום סוף געענטפערט?**
- ❑ וואס קען איך טוהן איך בין דאך נאר איינער
- ❑ וואס קען איך טוהן איך טראכט אנדערש
- ❑ וואס קען איך טוהן איך וויל נישט הערן

**ו. וואס האט דער בעל תפלה פארשטאנען פון די ענטפער?**
- ❑ אז זיינע ווערטער האבן נאך גארנישט אויפגעטון ביי די מענטשן
- ❑ אז זיינע ווערטער האבן שוין אינגאנצן אויפגעטון ביי די מענטשן
- ❑ אז זיינע ווערטער האבן שוין עפעס אביסל אויפגעטון ביי די מענטשן

**ז. וואס האט זיי דער בעל תפלה געזאגט וועגן דעם גבור?**
- ❑ אז ער איז נישט אזא גבור
- ❑ אויב איז עס נישט דער גבור ?! (אזויווי איינער וואס וואונדערט זיך)
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

ח. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**וואספארא זאך האט דער בעל תפילה געזאגט פאר די מענטשן פון די מדינה של עשירות – און דער רבי דערציילט דאס צווי מאל די וואך און פאריגע וואך ?**

**וועמען האבן די מענטשן פון די מדינה פון עשירות געהאלטן ביי זיך. און זיי האבין אים נישט גיוואלט אוועקלאזן ?**

תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (5)

**וויפיל מאל שטייט אז דער בעל תפילה האט זיי אויס גילאכט ? 2**

**וויפיל מאל שטייט אז דער בעל תפילה האט זיי געזאגט "דאס איז זייער א גרויס נארישקייט" ? 1**

**דער געווינער אויף 'בעל תפלה' 5 איז הילד היקר אהרן שפירא כתה ו, בית שמש *** 3540**

**ב"ה אז דער טעלעפאן ליין ארבעט שוין און מען קען שוין מאכן די בחינות, רופט**
**646-585-3040 02-5-3333-72**

# א מפלה פון גשמיות



סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס גֶעשֶׁען: מְ'הָאט גֶעכַאפְּט דֶעם בַּעַל תְּפִילָּה!

נָאכְדֶעם וָואס סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע טוּמְל אִין שְׁטָאט אִיבֶּער אַ מִיסְטֶערִיעֶזֶער פֶּערְזָאן וָואס לַאכְט אָפּ פוּן זַייעֶר אֱמוּנָה אִין גֶעלְט, אוּן טַעֲנָה'ט אַז סְ'אִיז דָא נָאר אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועמֶען מְ'דַארְף דִינֶען - אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאוַוייזְט זִיךְ אַמָאל אַלְס אַ סוֹחֵר אוּן אַמָאל אַלְס אַן אָרֶעמַאן - הָאט מֶען אִים עֶנְדְלִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פַאר דִי שָׂרִים. דִי שָׂרִים הָאבְּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְפְרֶעגְן, אָבֶּער דֶער בַּעַל תְּפִילָּה אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטַארְק בַּיי זַיין מֵיינוּנְג אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ פֶּעסְטְקַייט: "יֶעדֶער אֵיינֶער לֶעבְּט דָא אִין אַ גְרוֹיסְן טָעוּת אוּן נַארִישְׁקַייט; גֶעלְט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דֶער תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט..."

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם 'גִּיבּוֹר': "וֶוער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס דוּ טַעֲנָה'סְט אַז דוּ קֶענְסְט אִים?" עֶר הָאט זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי אַ מֶלֶךְ וָואס הָאט גֶעהַאט אַ פַארְלוֹירֶענֶעם גִּיבּוֹר, אוּן אוֹיבּ דֶער גִּיבּוֹר אִיז טַאקֶע דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ, דַאן קֶען עֶר אִים גוּט. עֶר הָאט דֶערְבַּיי צוּגֶעגֶעבְּן: "אוּן דָאס וָואס עֶטְץ פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִין אַ לַאנְד וָואס אַלֶע זֶענֶען גֶעטֶער - זָאלְט עֶטְץ וִויסְן אַז דָאס אִיז הוֹילֶע נַארִישְׁקַייט. זֵיי קֶענֶען עֶנְק גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן אוֹיבּ עֶטְץ וֶועטְס זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף זֵיי, וֶועט דָאס זַיין עֶנְקֶער מַפָּלָה! דָאס גַאנְצֶע פָאלְק, מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּ זֵיי זוּכְן הִילְף, וֶועלְן זֵיי אַלֶע בֵּיידֶע אַ מַפָּלָה הָאבְּן."

אִינְמִיטְן אַ שִׁיעוּר אִין חֵדֶר אוֹיף פֶּרֶק 'הַכּוֹנֵס', הָאט דֶער מְלַמֵּד מַסְבִּיר גֶעוֶוען פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס מֵיינְט אַ 'שְׁמִירָה מְעֻלָּה'. שָׁאוּל הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּילְט אוּנְטֶערְן טִישׁ מִיט אַ שְׁלִיסְל-הַאלְטֶער פוּל מִיט וַואסֶער אוּן גְלַאנְצִיגֶע שְׁטֶערְנְדְלֶעךְ. צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט דֶערְצוּ אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ לֶעמְפְּל וָואס טוֹישְׁט קָאלִירְן, וָואס עֶר הָאט בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אָנְגֶעצִינְדְן אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן כְּדֵי דֶער מְלַמֵּד זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶעוֶוען זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ; אוּנְטֶער זַיין גְּמָרָא זֶענֶען גֶעלֶעגְן נָאךְ עֶטְלִיכֶע סָארְט שְׁלִיסְל-הַאלְטֶערְס מִיט אַנְדֶערֶע פָארֶעמְס, וָואס עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט צוּ זַיין רִיזִיגֶע זַאמְלוּנְג וָואס עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט. עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זַיין בַּאזִיץ אִינְאֵיינֶעם פוּפְצִיג פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט לֶעמְפְּלֶעךְ אוּן שְׁלֶעסֶער וָואס זֶענֶען גֶעהָאנְגֶען אוֹיף זַיין שְׁלִיסְל-הַאלְטֶער. עֶר פְלֶעגְט פַארְבְּרֶענְגֶען שָׁעוֹת זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט זֵיי; אוֹיסְלֵייגְן, אַרוֹיסְנֶעמֶען, אוּן זֵיי צוּזַאמֶענְשְׁטֶעלְן אֵיינְס צוּם צְוֵוייטְן. בִּשְׁעַת זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן סִיכּוּמִים אוֹיף דִי סוּגְיוֹת אִין דִי גְּמָרָא אוּן אָנְגֶעפִילְט הֶעפְטְן מִיט קְלָארֶע בֵּיאוּרִים אוֹיף יֶעדְן קַשְׁיָא אִין תּוֹסְפוֹת, אִיז שָׁאוּל'ס הֶעפְט גֶעבְּלִיבְּן לֵיידִיג! אֶפְשָׁר אִיז דָארְט נָאר גֶעוֶוען אַ לִיסְטֶע פוּן זַיינֶע פִילֶע טְשַׁאטְשְׁקֶעס...

אֵיין טָאג הָאט אִים אַן עֶלְטֶערֶער אִיד מִיט אַ שְׁנֵיי וַוייסֶע בָּארְד אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין קַאוֶוע שְׁטִיבְּל פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. עֶר הָאט צוּגֶעקוּקְט וִוי שָׁאוּל שְׁפִּילְט זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט: "מַיין טַייעֶר קִינְד, דוּ קוּקְסְט מִיר אוֹיס צוּ קְלוּג אוֹיף זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקַייטְן. זָאלְסְט וִויסְן, אַז סְ'וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג אוּן פוּן דֶעם גַאנְצְן זַאמְלוּנְג וֶועט גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן. דֶער גַאנְצֶער תַּכְלִית פַארְוָואס מִיר

המשך אויף זייט 8